STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04198

DZSHIKE GAS

Kadia Molodowsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

דזשיקע גאַס

לידער

(צווייטע אויפלאַגע)

אַרויסגעגעבן דורך די „ליטעראַרישע בלעטער“

וואַרשע 1936

פון זעלבן מחבר:

„חשוונדיקע נעכט“ (לידער)
פאַרלאַג ב. קלעצקין 1926

„ביים שיבעלעך אוועק“ (מעשהלעך)
פאַרלאַג יידישע שול־אָרגאַניזאַציע 1931

„פרייד קע“ (לידער)
פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער“, 1935

Printed in Poland

K. MOŁODOWSKA

DZIKE GAS (wiersze)

— (Drugie wydanie) —

—— Wydano przez ——

—„Literarisze Bleter“—

odbito w drukarni „Grafia“, Warszawa

אינהאַלט

זייט

I דזשיקע גאַס

דזשיקע גאַס 5
געסט 7
מאַרש 10
אַ מאַמע 12
ווען ס'בליאַקעוועט מיין אויג . . 14
נאַכט 16

II כראָניק

„טשאַקאַ" 18
דרעדנאָוט 20
אַ גאַס אין יאָר 1930 22
לידער פון מיין היים 24
כראָניק 27
אַ טעלעגראַף-סלופּ 29
צווישן הימל, צווישן ים 31
שיף „סאַטורן" 35
מיין טורעם 38
מאַנעקענען 40
גויים, יידן, ראַסן 42

III מיין פּאַפּירענע בריק

מיין פּאַפּירענע בריק 43
מיין קאַפּעלע 45
צי קאָן דאָס באַזינגען אַ ליד . . . 46
אויטאָפּאָרטרעט 47
אַ בריוו 48
ס'וועט איינמאָל זיין 49
וווּ זאָל איך איצט גיין 50
דער זינגער 51
נישט אַזוי, נישט אַזוי וויל מיין בלוט . 52

זייט

IV עלעגיעס

האַרבסט 54
כ'בין אויף דער וועלט געקומען . . 55
צו אַ. 56
ביים שפּיגל 58
אַ בריוו 60
איז מיין שטוב דען אַ שיף 61
אַ ליד פון נאַכט 62
ווינטער 63
אויף היימישן פעלד 64
צו דעם, וואָס איז גערעכט . . . 65
איך האָב קיין איינציקע נאָך נישט קיין
גרויע האָר 67
לאַבירינט 68
יאַנואַר 69
לערמאָנטאָווס אַ ליד 70
האַלאַ, מיין האַרץ 71

V אין גרינעם בוים ליגט

גרויער אַש 73

VI ירמיהו 82

VII קאַמערנאַרן-וואַנט . . . 87

VIII צימבל, צימבל, צימבל-באַק

צימבל, צימבל, צימבל, צימבל-באַק . 90
אַ ליד צו מיין קליידער-שאַנק . . 93
הינטערן וואַנט ביי מיין שכן . . 94
שלמינקע דער שמיד 95

דזשיקע גאס

י. אָפּאַטאָשון

ס'איז פּופּצנטער אין חודש אייר,
עס זענען טעג, ווי גאָלדענער זאַפּרען,
עס שמעקט מיט פייגל-מילך. שיעור, שיעור
דאַכט זיך — עס איז גאָט פאַראַן.
עס קלינגט די לופט. זומער בליט אין מיינע האָר:
גאָר איבער מיר שטייט שאַרף די טאָגעדיקע וואָר:
דאָ וווינען אַרבעטסלאָזע,
קאָמוניסטן,
און נאָך — דער דלות.
טאָג-טעגלעכקייט איז אַ בלוטיקער פאַל,
קלינגען אַלע דעכער מיט אומגליק,
טישן מיט — הונגער,
און דער באָרוועס — מיט אינטערנאַציאָנאַל.
יידן וווינען דאָ, —
אַ פאָלק צום אויסגיין פאַר געלעכטער —
עס ליפערט פאַר דער וועלט בראַקירטע סחורות
און בלוט פון זין און טעכטער.
און איך — מען טייט אויף מיר דאָ מיט די פינגער:
„אָט זי, די זינגערין,
אַ רוח אין איר מאַמען,
זי שלעפּט זיך דאָ אַרום,
און פלעכט פון אונזער אומגליק גראַמען.

וואָלט זי נעכטן גיין מיט אונז אין גאַס אַרויס און זען —
מען האָט פאַרקאַטעוועט דעם צוואַנציקיעריקן
אויף דזשיקע נומער צען".
און איך — איך האָב נישט וואָס צו ענטפערן אַ וואָרט,
איך ווייס —
איך בין נישט פון די מענטשן „פערווי סאָרט".
און כאָטש עס שטייט אַ קוואַל פון טרערן הינטער מיין אויג,
בין איך פאַרליבט אין לעבן, ווי אַ צויג.

ג ע ס ט

אַ ליד, און נאָך אַ ליד, און נאָך, און ווידער,
כ׳בין מיד פון מיינע און פון אַנדערע לידער.

מיין שטוב איז אַ קאַרוסעל,
אַ קאַרוסעל אויף אויסגעפוילטע שפּאַלן,
און אָטאָ באַלד, און אָטאָ באַלד אינמיטן זינגען וועט זי פאַלן.

און אונטן גייט די גאַס:
(אַכטונג און סאַלוט)
לאַקירטע שיך, און גאָלדענע קנעפּ און נידעריקער-שפּורן פון בלוט.

און כאָטש איך וויל דאָס נישט געדענקען —
איז דאָס פּאָרט אַזוי,
אַפילו ווען ס׳איז תּמידיקע זון,
אַפילו ווען ס׳איז גאָלד און בלוי.

און טרערן זענען נישט קיין פּערל,
ווי עס שרייבן עד־היום פּאָעטן,
ס׳זענען פלעקן אין קויטיקע בעטן.

און קינדער זענען נישט קיין שטיפער,
נאָר בייגלהענדלער אויף די ראָגן,
און יעדערער איז בלייך, ווי אַ בעל־מום,
פּונקט ווי זיי וואָלטן אין קיילעכדיקע קוישן
די אומגליקן געטראָגן.

זייערע שאָטנס זענען ווי טשאַטעס וועלף,
און ניאוף זענען זייערע רייד,
אומפאַרשעמט,
און רציחה אין בליק,
און מאָרד אין די הענט.

און זיי ריידן הויך, אַז איך זאָל הערן:
— „זי, וואָס האָט אונז אַלף־בית געלערנט,
גייט שאַוראָענע שיך,
און נאָך גאָרנישט צעריסן,
אַבי מען האָט געזאָגט:
— „טיילן זיך מיטן לעצטן ביסן" —
איז טאַקע מיטן קאָפּ אין דר'ערד,
געזונטערהייט!
מיר האָבן שוין גענוג די צינגלדיקע רייד".

רעדן זיי הויך און פרעך,
דעריאָגן מיך די ווערטער, ווי בליצן,
און פאַלן צו, ווי זודיקער פעך.

באַנאַכט ווענען זייערע הענט,
ווי וואַסער־בלעטער אויף מיינע שויבן.
געסט מיינע! (הויך געשעצט)
זיי קומען מיך באַרויבן פון מיין לעצטן חלום,
פון דעם, וואָס כ'האָב נאָך נישט דערטראַכט ביז לעצט.

און אין מיין שטוב איז טונקלקייט פון נעילה,

פאַל איך כורעים,

און איך זאָג מיט מיין גאַס

די טאָג-איין-טאָג-אויסעדיקע תפילה:

ב ר ו י ט —

ברויט פאַר קראַוואַטן,

ברויט פאַר בייגל,

ברויט פאַר לידער,

ברויט פאַר ווייבער און פאַר פודער,

פאַר פראָוואָקאַציע —

פאַר אַ קאָפּ פון ברודער.

זאָג איך הויך די תפילה צו זיין נאָמען,

און ס'ענטפערט אַרום מיר:

אָמן — אָמן — אָמן.

מאַרש

איך שרייב נישט קיין ליד. איך פּרוּוו
געפינען אַ וואָרט פאַר מיין בלוט,
וואָס ווײנט אין מיין גוף.
פּאַר טשאָבאָטעס צוויי – מיינע שיך –
וואָס שטייען ביי מיר נעבן בעט,
גרייט אָן אַ קלער,
אין גאַס אַרויס,
ברענגען דעם הונגער אַהער
און נאָך:
ברענגען מיט זיך,
אַ מאַרש פון צעריסענע שיך.

כ׳ווייס דעם אומעט פון באָרוועסן גיין,
פון מיין גאַס
און מיין אייגענער היים.
און כ׳דערקאָן יעדן טראָט:
ס׳זענען לאַפּטשעס פון ליטע, מיין היים,
וואָס שמעקן מיט וואַסער טשעראָט,
ס׳זענען שטיוול, וואָס כ׳קען זיי געוויס און געוויס,
נישט איינמאָל צוזאַמען געשפּאַנט איבער גאַסן,
און צוריקגעבראַכט:
ביינער,
און הונגער,
און שטרויכלונג פון פיס.

גייט דער מאַרש איבער מיר,
און אויף זייטן פון ווייסן פּאַפּיר
שרייבט מיט פינצטערן שטריך.
הער איך מיט אויגן פאַרמאַכטע
דעם מאַרש פון צעריסענע שיך.

אַ מאַמע

די מאַמע אין גרינעם סוועדער גייט איבערן גאַס און גייט.
אלול הוידעט זיך דער ווינט,
טבת שנייט,
זון איבער די שויבן פסח רינט.
דער גרינער סוועדער גייט איבערן גאַס און גייט
שוין זומערן,
שוין ווינטערן,
שוין וויפל צייט —
די גאַסן שווימען אין דער לענג און אין דער קרים,
דער הימל הוידעט זיך אַזוי ווי אַ האַמאַק,
און אַלע גאַסן,
אַלע פירן צום פּאַוויאַק.
דאָרט ווי אַ ווונד אַ קאַמער בריט,
אַ קאַמער וויגט זיך טאָג און נאַכט;
אונטער די גרויע ווענט אַ טאָכטער זיצט פאַרמאַכט,
פאַרשלאָסן,
שטיל,
מיט אויפגעלייגטע הענט,
מיט שאַרפן הערץ,
און זעגט די קראַטן מיטן בליק
און ציילט די שטערן.
אַרום די שטילקייט קלינגט,
עס בלענדט די ליידיקייט מיט ווייסע שפּיזן.

— — — — — —

— — — — — —

— — — — — —

דער גרינער סוועדער גייט איבערן גאַס און גייט.

אלול איז נישט נאַס,

און טבת איז נישט קאַלט,

און פּסח איז קיין יום־טוב נישט.

דער הימל הוידעט זיך אַזויוי אַ האַמאַק,

און אַלע גאַסן,

אַלע פירן צום פּאַוויאַק.

ווען ס׳בליאַקעוועט מיין אויג

ווען ס׳בליאַקעוועט מיין אויג,
איז גוט, וואָס ס׳בלייבט דער הימל בלוי,
און ס׳איז דער וואַלד באַהויכט
מיט גרינעם זומער און מיט טוי,
און נאָך,
און נאָך
מסתם מיט גאָט,
ווייל אויסער גאָט קאָן גוט נישט זיין אַזוי.

כ׳געדענק איצט אַלץ:
אַ פערד, וואָס איז געפאַלן אויפן ברוק,
די נויט,
מיין ברודער, דעם אָפּגעזאָגטן קנעכט,
זיין קאָפּ, וואָס גרויט.

מיין גאַס,
מיין גאַס, וואָס איז דורכויס ווי איך אַליין,
אין שמאַטעס אָנגעטאָן,
אין מאָרגנדיקן טאָג פאַרטרויט.
דעם אַלטן אויפן ראָג,
זיין פּנים ווי אַן אָפּגעשטעלטער זייגער,
פּונקט אַזוי אַשטייגער,
ווי די זאָקן, וואָס ער פאַרקויפט,
וואָלטן געווען באַא-שלאַנגען,

און ביזן גאָרגל האָבן זיי אַרויפגעוויקלט זיך,
דערגאַנגען.
גאָר גרינער וואַלד איז גרין,
און יונגע זשאַבקעס זענען ווונדער,
און זענען גאָט,
פונקט ווי ראַדיאָ
און ווי לבנה אין טשעראַט.

נ א כ ט

נאַכט.
די לבנה ווי אייביק שיפּט אויף זילבערנע וועסלעס מיין האַרץ.
צו מיין טיר
גייט מען אין דער נאַכט,
און מען טראָגט:
דראָונג
אומזין
און פאַרדאַכט.
און מען קלאַפּט אין מיין טיר,
און איך עפן און זע:
שווערד,
און קנעפּ,
און בליי,
גרייט פאַר מיר
און פאַר מיין הויפן לייב.
לויכט מען דורך מיין טיש.
וואַרפט מען דורך די בעט.
ס'האָט קיין וואָרט נאָך קיינער נישט גערעדט.
שטיי איך און איך וואַרט,
און איך הער:

ס'רעדט מיין גוף
מיט אומזין,
מיט בלײַ,
און מיט שווערד.

בערלין, אַפּריל 1933.

כ ר א נ י ק

„טשאַקאָ"

ס'איז אין ים אַ שיף אַרויסגעשוואומען
אָן אַ פּאָן
און אָן אַ נאָמען.
האָבן אויף הויכע טורעמס אַנטענעס זיך צעגאָרגלט
מיט שוואַרצע שנאָבלען שמאָלע:
– עס איז אין ים אַ שיף אַרויסגעשוואומען
פון שטרייקער,
דעפּאָרטאַנטן
און קראַמאָלע.
האָבן האָפּנס אַ שלאָג געטאָן מיט קייטן, זיך פאַרשלאָסן
און צום הימל אויפגעהויבן שאַרפע פּיסקעס פון האַרמאַטן,
און פייערדיקע אויגן האָבן גענומען ווינקען
און דעם ים באַזוכן, טשאַטען.

– –

שווימט די שיף אַנטקעגן ווינט, אַנטקעגן הימל,
ס'האָבן כוואַליעס זי אַרומגעפלאָכטן מיט תפיסהדיקע קראַטן,
און אין ווייטסטן, ווייטסטן אָקעאַן
יאָגן זיך נאָך איר די פּיסקעס פון האַרמאַטן.

שווימט די שיף אַנטקעגן ווינט, אַנטקעגן הימל,
עס האָבן זי אויף שותּפותדיקן הפקר געגומען אַלע ים׳ען,
שווימט די שיף אויף וואַיעדיקן אומעט פון די כוואַליעס,
און די לבנה שווימט איר נאָך מיט בלייכן פנים פון אַ מאַמען.

און ערגעץ ערד איז דאָ
און פאָלק, און שפּראַך,
און בליענדיקע עפּלביימער
און האַפנס פינסטערע,
ווי תּהומעדיקע אימה,
און שטעט,
און ווייסע קינדערשע חלומות —
אַלץ יאָגט זיך נאָך דער שיף.

שווימט די שיף אַנטקעגן ווינט, אַנטקעגן הימל,
עס האָבן כוואַליעס זי אַרומגעפלאָכטן, מיט תּפיפהדי״ץ קראַטן,
און אין ווייטסטן, ווייטסטן אָקעאַן
יאָגן זיך נאָך איר די פּיסקעס פון האַרמאַטן.

„טשאַקאָ" — אַ נאָמען פון אַ שיף, אויף וועלכער ס׳זענען געפאָרן פּאָליטישע, אַרויסגעשיקטע פון אַרגענטינע. קיין שום האַפן האָט די דאָזיקע עמיגראַנטן נישט געלאָזט לאַנדן.

דרעדנאָוט

ווי אַ וואָלף
ליגט אויף וואַסערן אַ דרעדנאָוט,
גייט פאַר אים אַ שיף מיט טרערן,
גייט נאָך אים אַ שיף מיט בלוט.

און אין שטעט
בעטן מאַמעס שטאַמלענדיק מיט בלויע ליפּן:
גאָט זאָל זיי, די זין,
באַשירעמען, באַהיטן.

שווייגט די פינסטערניש
און ענטפערט נישט אויף תּפילות.
און די מאַמעס,
און דער גאָט
הערן איין זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן,
וואָס וועט ענטפערן דער דרעדנאָוט.

שטעכט דער דרעדנאָוט מיט פייערדיקע וואָנצעס
די דערפער און די האַפן-שטעט.
זוכט ביינאַכט אין אַלע פענסטער,
זוכט טרערן, לייב און בלוט.

ווי אַ וואָלף,
ליגט אויף וואַסערן אַ דרעדנאָוט.
גייט פֿאַר אים אַ שיף מיט טרערן,
גייט נאָך אים אַ שיף מיט בלוט.

1931

אַ גאַס אין יאָר 1930

וויטרינעס. דענקמעלער.
(ווי אַ דזשענטלמען געקרויזט רוסאָ).
יאָגט און שוימט דער שטאָטישער פּאַרקער,
דער גאָלדענער פון אויבן,
און דער טונקעלער פון דנאָ.

כוואַליעט זיך די גאַס אין רעש.
אַ רויטע דאַמען־הוט,
און אַ צילינדער, ווי אַ שוואַרצע פלאַש.
אַ הויקער, ווי אַ פראַגע־צייכן אויפן טראָטואַר.
און אַ רעקלאַמע־טרעגער מיט לאַנגע אויערן – גרימירט צום נאַר.

און ביי אַ וואַנט שטייט איינער אָפּהענטיק און מאַט,
מיט הוט און שטעקל,
ווי טשאַרלי טשאַפּלין זעט ער אויס כמעט,
געקליידט אין ביליקן טאַנדעט,
אָן אַ וווהין.

הונגעריק און שאַרף זענען זיינע אויגן־שפּאַלטן
(אַרום איז העל).
ער האָט פון טויט אַ שטרענגן בריוו דערהאַלטן,
מיט בלוט געשריבן אויפן ברוק פון גאַס,
און אַ פּאָסטקריפּטום:
וועגן הונגער־טויט אין קעלער, ווו ס'איז נאַס.

לייענט ער דעם בריוו פאַר אַלע מיט הונגעריקן קוק.
הערן אַלע:
עס איז מיט בלוט געשריבן אויפן ברוק,
און אַ פּאָסקריפּטום:
וועגן הונגער-טויט.

פּאַריז, 1931

לידער פון מיין היים

I

שרייט אַ שיף.
שרייט מיט פייערן
און מיט געוויין:
S. O. S.
ראַטעוועט אונזער געביין!

ס'איז נישט קיין קולות פון קיין זינקענדיקער שיף,
וואָס כ'הער:
עס טרינקען מענטשן זיך אויף טריקעניש פון ערד.
עס יאָגן זיך נאָך זיי כוואַליעס הונגעריקע טעג.
איין כוואַליע שלינגט איין,
אַ צווייטע וואַרפט אַרויס צו האָפענונג:
ראַטעוועט אונזער געביין!

II

שמעלער, שמעלער
ציען זיך די גאַסן איינע אין דער אַנדערער אַריין.
ווערן איינגעשרומפן, ווי אַ דאַרער בויך.
און די גייער גייען נישט געאיילט,
עס וואַרטן טעג, ווי היילן פינצטערע אויף זיי.
ווילן יונגע אויסברעכן אין אַ געשריי,
ווייבער האַלטן איינגעטאַיעט אַ געוויין:
ראַטעוועט אונזער געביין!

III

ציט אַ טאָפּאָל זיך צום זעקסטן שטאָק.
(אפשר הינטער דעכער שטייט דער וואַלד).
ביז אַ פענסטער האָט קוים אַרויפגעריסן זיך זיין קרוין,
איז אַ טיש אַנטקעגן, אַ שאַנק און אַ ייד, דעם קאָפ פאַרדרייט צום וואַנט.
שלאָגט דער טאָפּאָל מיט אַ צווייג אין שויב.
— אפשר איז דאָ זון פאַראַן, אַ שטראַל, אַ בליץ, אַ טראָפּן טוי?
זאָגט דער ייד צום טאָפּאָל און צו זיך:
— ס׳איז קיין זון נישטאָ,
קיין ברויט,
קיין בגד,
און כאָטש מען איז שוין גרוי,
און זוכן איז שוין שפּעט,
ווייט איז שוין פון טעג פאַרגאַנגענע דער גרינער וואַלד
שלאָגט דער טאָפּאָל מיט אַ צווייג אין שויב:
— קומט אפשר אַמאָל אַ רעגן, צי אַ ווינט אַהער?
איך בין גרייט
העלפט פון מיינע בלעטער אָפּגעבן פאַר זיי,
אַז די איבעריקע זאָלן גרינען.
זאָגט דער ייד צום טאָפּאָל און צו זיך:
— כ׳בין פאַרצוימט דאָ מיט מיין גאָט און מיט מיין נויט,
און די יחסנים מיט די פעדערן אין היטל
האָבן פאַר מיר גריבער אויסגעגראָבן,
ווי פאַר אַ וואָלף.

זאָג מיר אָן,
ווען ס׳וועט פינצטער ווערן, און ס׳וועט אָנקומען די נאַכט,
וועל איך אויפהענגען זיך אויף דיין קרוין.
שלאָגט דער טאָפּאָל מיט אַ צווייג אין שויב:
— אפשר איז אַ גזלן דאָ פאַראַן פון וואַלד?
זאָל ער זינגען מיר אַ ליד
פון נקמה און פון רויב,
פון נקמה און פון בלוט?
זאָגט דער ייד צום טאָפּאָל און צו זיך:
— דאַכט זיך, קיינעם נישט באַרויבט
ליים געפירט פון הויף צו הויף.
נאָר פון בלוט... בלוט איז דאָ אויף יעדנס קלייד,
וועמען ס׳האָט נאָר עמעצנס אַ טרער באַגלייט.
אָט אַזוי רעדט דער ייד דאָרט אין דער הויך,
רעדט צום טאָפּאָל און צו זיך.
און דער טאָפּאָל הערט און וואַרט.
וואַרט, ווען ס׳וועט פינצטער ווערן, און ס׳וועט אָנקומען די נאַכט.

כ ר אָ נ י ק

איך בין די נידערטרעכטיקסטע פון די לבנה-זינגער,
דער אומנויטיקסטער מענטש פון אונזער צייט,
און אַנדערש כ׳קאָן נישט זיין,
כאָטש כ׳ווייס, ווי ס׳איז געמיין, און כ׳ווייס ווי ווייט...

ביינאַכט — אַפילו אונטער אָ דרימלענדיקן מוח,
געדענק איך:
זעלבסטמאָרדן אין לאָדז אויס נויט,
און ברויט, געהיט פון באַיאָנעטן,
און אַלע וועגן פאַרשטעלט
מיט הונגער,
מיט פאָליציי,
און מיט פּאָעטן.

און ווייט אין ערגעץ שלאָגט מען די הינדוסן,
שניידט מען יידן אין סאַלאָניק,
אַזוי איז דאָס אין טאַנצנדיקן חלום
פון דער כראָניק.
און אין אַ נישע פון אַ וואַנט וווּנדערט זיך אַ בעטלער,
ס׳זעט קיינער נישט זיין אויסגעשטרעקטע האַנט די שמאָלע,
פאַרביי אים שפּרינגען די צייטונגס-קינדער, ליאַרעמען:
— קראַך פון פונט,
און בעסע פון דאָלאַר!
ביים בעטלער לעם די פיס איז שוואַרץ דער שניי,

בײַ די צײַטונגס־פּאַרקױפֿער זענען בלױ די פֿינגער,
און אין הימל שטײט די גאָלדענע בעריכע
אױף שטראַלנדיקע שטערן צװײ.
כ׳געדענק דאָס אַלץ,
כ׳געדענק דאָס אַלץ,
די נידערטרעכטיקסטע פֿון די לבנה־זינגער.

1932

אַ טעלעגראַף־סלופּ

אין פעלד ברילט אַ טעלעגראַף־סלופּ.
קאָמוניקאַט:
וועגן קאַנאַדער עפּל,
וועגן פּרייז אויף ווייץ,
און אויפשטאַנד אין באַגדאַד.
גרויען זיך דעם פויערס אויגן,
שווער,
ער האָט נאָר וואָס באַנומען
(געעצהט זיך ביים הויכן שוואַרצן קרייץ),
מ׳עט מוזן אָפּגעבן אַ העלפט פון ווייץ,
און נאָך די שוואַרצע קו,
און נאָך די הינער צו,
און קויפן בלעך
צום אָפּגעברענטן דאַך,
און קויפן, קויפן — — —
גייט זיין אויג פון זאַנג צו זאַנג,
פון בייט צו בייט.
און דער טעלעגראַף־סלופּ
זומט:
— נייע שטייערן פון גרונט.
זילבערן דעם פויערס אויגן

פּליי,

ער האָט נאָר וואָס באַנומען

(געעצעהט זיך ביים הויכן שוואַרצן קרייז) :

מ׳עט מוזן אָפּגעבן דאָס גאַנצע ווייץ !

1932

צווישן הימל, צווישן ים

צווישן הימל, צווישן ים
גייט אַ גרינגע זעגל-שיף,
גייט אַ גרינגע זעגל-שיף,
פירט פאַר מיר אַ שנעלן בריוו,
און אַ ווייסע כוואַליע שוים
לויפט פאָרויס און לייענט שוין:
הער און הער,
ס'איז אַ ליד
און גאָרנישט מער.
ס'איז אַ ליד
און אַלץ פאַרגעס,
וואַרשע, קיעוו
און אָדעס.
און פאַרגעס דיין היים
און שטאָט,
וואָס דו פירסט
אין נע-ונד.
ס'שמעקט דער ים
מיט זאַלץ און ווינט,
מיט געוואַגטן שווימען
און מיט טויבן גרונט.
און אַ כוואַליע ווערט נישט אַלט,
און אַ כוואַליע ווערט נישט מיד,

הער און הער
דאָס איז אַ ליד.

זינגט אַזוי דער ווייסער שוים,
און פון אונטן
גרין און ברוין
אַ באַנדורע ברומט
פון ים.
— גאָרנישטאָ,
אַלץ דערטרונקען
אויפן דנאָ.
און דיין זינגען,
העל און דין,
אויף אַ שוואַרצער שטיין —
אַהין.

קומט אַ כוואַליע
יונג און פריש,
גיט אַ צאַפּל, ווי אַ פיש
גיט אַ ברי,
און אַ פּלאַטער
ביי די קני.
הללויה.
ווייט פון ים
איז פאַר דיר
אַ גרוס פאַראַן,

הער און הער,
ס׳איז אַ וואָרט
און גאָרנישט מער.
פון דיין שטאָט —
דאָס וואָרט איז: בלוט.
פון דיין היים —
דאָס וואָרט איז: נויט.
פון דיין שטוב
און פון דיין בעט
איז דאָס וואָרט אינגאַנצן שטום,
איז דאָס וואָרט נישט אויסגערעדט.

און עס שרייט
דער גאַנצער ים:
ס׳איז פאַר דיר
אַ גרויס פאַראַן,
הללויה,
ס׳איז פאַראַן.
און פון אונטן
גרין און ברוין
אַ באַגדורע ברומט
פון ים:
— גאָרנישטאָ,
אַלע ווערטער זענען טויב
אויפן דנאָ.

קומען כוואַליעס אין אַ צוים,

בייז,

אין הייסן, ווייסן שוים.

איינע קרום,

אין אַ זיג-זאַג,

גיט אַ שיפּע

און אַ כראַק:

— דער לויתן

פון דער טיף

האָט פאַרשלונגען

זעגל-שיף,

האָט פאַרשלונגען

שנעלן בריוו.

אונטערן הימל וואַכט דער ים.

גרינע כוואַליעס שפּאַן אין שפּאַן,

זאָגן גאָרנישט צו דעם ברעג,

זאָגן גאָרנישט צו דעם זאַמד.

שלאָפן שטעק-שיך טויזנט פאָר

אונטער וואַסער גרינע האָר.

שיף „סאַטורן“

אויף זילבערנע בליצן פון פינסטערן וואַסער
וויגט זיך „סאַטורן“.
„סאַטורן“ איז גרייט.
עס שיטן די כוואַליעס מיט ווייסן, מיט בלייענעם שראָט,
און בילן פון ווייטן ווי הינט,
ווען אַ וואָלף איז אין דאָרף.
פאַמעלעך די מעוועס אויף שפּיציקע פליגל
באַגלייטן די שיף,
און פייפן מיט דינינקע פויגלשע פייפלעך
אַנטקעגן דעם ווינט.
עס ברעכט זיך „סאַטורן“,
און שניידט אויס אויף וואַסער אַ ווייסן, אַ זילבערנעם רייף,
און ס׳פלאַטערן אותיות שוואַרצע פון פאָן,
„סאַטורן“ איז גרייט.

* * *

איז מיין האַרץ איצטער שטאַרק
און האַרט, ווי אַ מאַנסבילישע לייב,
און די הענט זענען שפּיציק און לייכט
און בויגן זיך אויס,
ווי פליגל פון מעוועס אַנטקעגן דעם ווינט.
און מיין דינינקער האַלז איז פויגלש געצויגן פאָרויס

צום טונקעלן אָפּגרונט,
וואָס רופט מיך צו הערן און רוישט.

*　　*
*

עס פלאַטערן זיידענע טיכלעך
מיט בלוי און מיט רויט און מיט ווייס.
אַ קוראָרט פון שיכּורע ווייבער,
פון שוואַכע און איידעלע מאַנסלייט,
פון קינדער אויף שטרויענע פיס.
עס ציטערט „סאַטורן".
מ'עט לאָדן דאָס פעטע, געפּאַשעטע לייב,
געבונדן מיט גאָלדענע קייטן,
געוויקלט אין זייד.
אויף שוואַרצקייט פון נאַקן
איז זיידנס פון נאַנסי ווי הימל,
לעם סעמיטישע, טונקעלע האָר,
איז בורשטינענער אוירינג, ווי גאָלד.
פון עלטערע דאַמען די שוואַכע, פאַררונדיקטע הינטנס
ציטערן שווער
אונטער שוואַרצן ליאָנענעם זייד.
עס ציטערט „סאַטורן",
פאַר שווערקייט פון פעטס און פון שווייס,
און עס פייפן די מעוועס
און וואַרטן אויף רויב,
און בויגן די פויגלשע העלזער,

און שמעקן די שווערקייט פון שיף
און די לייכטקייט פון ווינט.

* *

סאַטורן האָט אייזערנע ציינער פאַראַנקערט
אין שטיינערנעם האַפן.
און ס׳קומען די כוואַליעס שוין צען מאָל צעשניטן,
ווי שטילע, געשלאָגענע שקלאַפן,
און לעקן די רעדער פון שיפן.
עס ציטערט „סאַטורן״, —
עס שרעקט אים די ווייטקייט פון מיטן,
ווען צעבונדענע כוואַליעס
וועלן אויפהויבן ווייסע, צעשויבערטע רוקנס
און מאָנען,
און וואָיען,
און נעגלען די שיף מיט די לאַפּעס,
און אויסציען שאַרפע און שטאָלענע נעצן,
און מעוועס מיט ווייסע, צעעפנטע אויגן
וועלן שרייען און רופן.

מיין טורעם

שוין לאַנג, נאָך מיט קינדערשע הענט
האָב איך אַ טורעם געבויט פאַר מיין היים און מיין פרעמד.

זענען פרילינג-ווינטן אָנגעקומען,
און איך האָב אַזאַ געווּס פאַרנומען:

— ביי דעם טורעם הונגערט מען. ס'איז ביי קינדער געל די הויט.
און מען טאָר נישט אָנרופן זיך: ברויט.

— זאָל זיין דאָרט וואָס עס איז,
ברענגט נישט, ווינטן, מער פון טורעם קיין געווּס.

זענען האַרבסט-צייט פייגל אָנגעקומען,
און איך האָב אַזאַ געווּס פאַרנומען:

ביי דעם טורעם האָט מען אויסגעבויט אַ תליה,
פון ווייסן האָלץ, פון יונגע טאָפּאָליעס אין צייט פון בליען.

דער פאַרברעכער איז אַ ניינצניעריקער, אַ יונגער,
ער האָט הויך געזאָגט: אין לאַנד איז הונגער.

— זאָל זיין דאָרט, וואָס עס איז.
ברענגט נישט, פייגל, מיר פון טורעם קיין גרוס.

זענען ווינטער שנייען אָנגעקומען,
און איך האָב אַזאַ גרוס פאַרנומען:

בײַ דײַן טורעם, שנײַאיק װײַס און רײן,
און דו ליגסט דאָרט אײנגינקע אַלײן.

מיט די הענט דעם שנײ אַרומגענומען,
און מען הערט גישט, װאָס עס רעדט דײַן גומען.

מאַנעקענען

כ׳בין אומהיילבאַר אויף אייביק שוין, אויף אייביק,
וואָס דאַרף מען מער?
פּאַריז איז טומלדיק און שטויביק,
און ווען ס׳צעוואָיען זיך טראַמווייען אויף די רעלסן,
און ס׳וואָרטשען איינס אויף אַנדערע אויטאָמאָבילן,
דאַכט זיך מיר:
דאָס וואָיען איבער דעכער פאַרטאָגעדיקע ווינטן,
און הינט אויף הויפן גוישע האָבן זיך צעבילן.
און שווער איז דאָ אַ מענטשן ליב קריגן,
אַ מענטשן צו דערקענען,
אַז ליבער, האַרציקער פון אַלע
שמייכלען אין די וויטרינעס מאַנעקענען.
איז אפשר צו זיי,
צו זייערע גוטמוטיקע אויגן,
זאָל זיך די דאַכלאָזע, די זעכציקיעריקע פאַרנויגן,
אויסבעטלען אַ נאַכטלעגער פאַר זיך:
ס׳וועט אפשר דאָך אַ מענטש אַ גומענער דערהערן,
און עפענען פון אַ וויטרינע
אַ גלאַנצעדיקע טיר.

* *
*

מאַנעקענען רויט און שוואַרץ און געל,
באַשטעלט אויף אייביק שמייכלען מיט געפאַרבטע ליפּן.
איך, וואָס ס'וואַרט דער הונגער שטענדיק ביי מיין שוועל,
האָב פיינט אייך, ווי אייערע לעבעדיקע פּראָטאָטיפּן.

מיין קליידונג איז אויף אייך נישט אויסגעוויזן,
און שיך מיינע זענען אויסער יעדער מאָדע.
איך טו אָן דאָס, וואָס ס'איז נאָך נישט צעריסן
און אַט אַזוי איז גאָט מיר זייער גנאָדנט.

און ווען וועט איר זיך אויפהויבן אַוועקגיין?
און לאָזן זיידנס פאַלן אויף צו טרעטן און צו רייבן.
ס'וועט אפשר דעמאָלט ווינטיק רעגענען,
און בליצן וועלן צינדן זיך אויף אויסגעפּוצטע שויבן?

גוים, יידן, ראַסן

גוים, יידן, ראַסן — פּנימער ווי שוואַרצער פּעך, ווי געלער זאַמד.
איך בין דאָ די ערשטע אָן אַ לאַנד,
און די ערשטע בין איך גרייט
אומעטום צו אַרבעטן און עסן ברויט,
און זיך בוקן אומעטום
צו דער ליכטיקער גענאָד פון זון.
אָפּט איז דאָ אין מיר אַ פרייד,
ווי אין אָנהויב מערץ, ווען עס דערגייט
דער ערשטער פרילינג-ווינט צום לעצטן טאָג, וואָס ס׳שנייט,
און אין צווייגן נאַקעטע נאָך, אונטער קאַלטן פּוך
גייט-אויף די ערשטע זיסקייט פון די קומענדיקע פרוכט —
אַזוי איז אָפט די גרינגקייט פון מיינע פיס,
און וווּ איך זאָל נישט גיין, איז דאַכט זיך מיר
איך גיי געוויס
(אין ליכטנדיקן שימער פון מיין אויג)
צום דאָרט,
וווּ מענטשן ווייסהויטיקע מיט בלאָנדע האָר,
און די מיט פּנימער ווי שוואַרצע פּעך,
און די מיט פּנימער ווי געלער זאַמד
וועלן נישט געדענקען, וווּ געווען איז זייער לאַנד.

פּאַריז, 1929

מיין פאַפּירענע בריק

דוד בערגעלסאָנען

הײנט איז איבערגעגאַנגען מײן פּאַפּירענע בריק
(אָט די, וואָס איך גײ איבער איר צו מײן גליק)
אַ זעכציקיעריקע פרוי (שוין זעכציק געוויס),
מיט דערפראָרענע, באָרוועסע פיס.

מיר האָבן געטראָפן זיך, אַ ווײלע געבליבן דאָרט שטײן.
איך גלאַט אַזוי, ווײל איך האָב נישט געהאַט ווו צו גײן,
און זי האָט גערעדט, ווי צו מיר און צו זיך,
וועגן ברויט, וועגן האָלץ, וועגן שיך.

מײן פּאַפּירענע בריק, איך האָב זי געבויט,
ווען נישט נאָר דער הימל — מײן אויג האָט געבלויט,
און די זון איז געווען אַ גאָלדענע ראָד
און איר אײנציקער וועג צו די פיס מײנע גראָד.

האָב איך פאַרטראַכט זיך אַ שטוב און אַ בעט
און גאָלדענע טעג, און צעשטערנטע נעכט,
האָב איך פאַרטראַכט זיך אַ מאַן און אַ קרוין,
און פרילינגן גרין, און זומערן ברוין.

האָב איך פאַרטראַכט זיך אַ וועג און אַ ברייז,
און אַ כוואַליקן ים, און אַ ליכטיקע שיף.

האָב איך פֿאַרטראַכט דאָס געזאַנג פֿון די באַנען,
און בלויע מאַטראָזן, ווער ווייסט זיי פֿון וואַנען.

נאָר כ'האָב נישט פֿאַרטראַכט די שיף פֿאַר דער זעכציקיעריקער פֿרוי, —
זענען מיר היינט דאָ געשטאַנען, געשמועסט אַזוי,
:: וועגן שיף, אַז עס פֿרירט איר די ביין,
און איך גלאַט אַזוי, ווייל איך האָב נישט געהאַט וווּ צו גיין.

1930

מיין קאפעליע

ביים צוקאַפּנס דרימלט מיין קאַפּעליע,
האַלט די פידל איינגעשטילט די טרערן,
די געשרייען — די באַנדורע.
איך, דעם קאָפּ פאַרטוליעט ביי די קניען,
ווי אַ הונט, וואָס פרירט אין זיין קאָנורע.
גייען אום אויף שפּיצן פינגער די חלומות מיינע,
ברייט ווי וועלף באַפאַלן מיינע גלידער,
קומט אַן אַלטיטשקער, וואָס קייט זיין שטיקל ברויט אין טויער,
זעצט ער זיך פאַר מיר אַנידער,
גאַרנישט זאָגט ער,
זיצט און דזשיאַמעט ברויט אַ ביסן.
כאַפּט זיך אויף אין יאָמער די קאַפּעליע,
בלייב איך וואַך, די אויגן אויפגעריסן,
באַר עס וויל מיין חלום גישט אַוועקגיין,
ווו האָט ער זיך דען צו יאָגן, גוו צו לויפן?
אויסגעגאַנגען אַלע מיילן, אַלע וויאָרסטן,
זיצט ער, צופּט זיין ברויט פון דאָרן הויף.

צי קאָן דאָס באַזינגען אַ ליד?

צי קאָן דאָס באַזינגען אַ ליד,
צי קאָן דאָס באַשרייבן אַ פען,
שטייט אַ בוים יעדן פרילינג און בליט,
ווי קיין ווינטער וואָלט גאָרנישט געווען,

און אַ האַק, וואָס האַקט אונטער אַ בוים,
פאַלט מיט הילכיקער פרייד און זי זינגט,
ווי קיין נעסט וואָלט דאָ גאָרנישט געווען,
ווי דער בוים וואָלט גאָר קיינמאָל געגרינט.

צי קאָן דאָס באַזינגען אַ ליד,
צי קאָן דאָס באַשרייבן אַ פען,
אַז מיין בליק, וואָס איז הייס ווי די זון,
וועט פאַרגיין, און ווי קיינמאָל געווען.

אויטאָפּאָרטרעט

איך בין אַ פּרוי
און שמייכל אָפּט, ווי די לבנה,
סתם אַזוי.
גייט אַלץ מיט אַלעמען פאַר מיין באַטראַכט,
ווען אויגן מיינע זענען אָפן,
נאָך מער,
ווען ז'זענען צוגעמאַכט.
און מיינע הענט זענען שוין געוווינט
בלייך געקרייצט צו זיין איבער מיין קאָפּ.
עס איז אין מיינע הענט דער ווייטאָג שטענדיק דאָ,
כאָטש אָן דעם טשוואָק.
און מיינע ליפּן זענען נישט געפאַרבט,
נאָר רויט,
ווייל ס'איז מיין פּנים הייס,
און אָפּט און אָפּטער אויסגעקרימט,
מסתּם פאַר זינד.
פאַרגלוסט זיך מיר אַמאָל באַנאַכט
אַ ווונק טון צו מיין גורל אויף אַ שפּאַס,
קומט אַ פינסטערקייט,
פאַרנויגט זיך ביזן פּאַס,
שמייכל איך צו פינסטערקייט
ביז שפּעטער נאַכט.

1928

א בריח

שרייב בריוו צו מיר אַזוינע לאַנגע, לאַנגע,
ביז דער שטח צווישן אונז וועט ווערן אַזוי ווייט,
אַז דיר וועט מער נישט קאָנען באַנג טון,
ווי איך זע אויס פאַר גאָט און קענען לייט.

און זאָג, צי איז דאָס נישט אַ שטילער פרידלעכער שגעון
מיט זיך אַליין צו שמועסן אַ שעה און צוויי און דריי,
און אויפן קול, דער גרויער ווייטקייט צו פאַרטרויען,
אַז מיר איז דאָס אַלץ איינס: געטריי, צי אומגעטריי.

אַז איך פאַרגעס אַמאָל מיין שטאָט און נאָמען,
און ווי אַ בוים אַ נאַקעטער בלייב שטיין פאַר גאָט,
און ווי אַ בלאַט אַ דאָרשטיקן הויב אויף מיין פנים,
צו זון, צו ווינט און צו גענאָד.

און זאָג, צי איז דאָס נישט אַ שטילער, פרידלעכער שגעון:
אין טאָג אין זוניקסטן געדענק איך פון דעם תהום,
וואָס וואַרט געדולדיק אויף מיין קומען,
אַפילו אין דער זוניקסטער, אין צוועלפאַזייגערדיקער שעה.

1928

ס׳וועט איינמאָל זיין

ס׳וועט איינמאָל זיין:
די גאַסן וועלן ווערן בלייך און ברייט,
און איך אַ שכּורע פון פלוצלינגדיקער פרייד,
וועל מיט זיגזאַגן-טריט אַוועקגיין צו מיין היים.
דער ערשטער ווייטיק, וואָס וועט דורכבליצן מיין לייב,
וועט מיך באַפרייען פון מיין יאָד,
און ווי אַ קראַנקער הונט,
וואָס ס׳ווערט זיין בילן טרוקענער פון טאָג צו טאָג,
און ער האָט קיין כּח נישט צום טייך דערגיין,
אָפּשוועקן די היץ פון צונג —
וועל איך אויף ווייסן בעטל גליען אין טויקעניש אַליין.
און ס׳וועט מיט מיר אַ נס פּאַסירן,
און אָט אַזוי וועט ער געשען:
עס וועט צו מיר אַ שטילער גאַסט אַריין,
און אָנטון אויף מיין שטערן אַ גליענדיקע קרוין,
דערפרישן מיט קאַלטער צורירונג פון האַנט
און זאָגן:
שלאָף איין!
שלאָף איין!

1928

ווּ זאָל איך איצט גיין?

ווּ זאָל איך איצט גיין?
ס׳וואַרפט אַרויס מיך פּאַריז, ווי אַ ים
וואַרפט אַרויס אויפן זאַמד אַ צעברעקלטן שטיין,
ווי אַ טייך וואַרפט אַרויס אויפן ברעג אַ פּאַרמאַטערטע פיש,
ווי אַ בינשטאָק — אַ הולטאַי אַ בין.
און עס פירט מיך די באַן — צו וואָס האַסטיק אַזוי?
כ׳בין דאָך סייווי אַ בריוו, וואָס בעמט קיינער נישט אָפּ,
אַ גרוס, וואָס ס׳האָט איינער אין וואַנזין געשיקט סתּם אַזוי,
נישט צום פעלד, נישט צום טייך, נישט צום הימלשן בלוי.
און ווער דאַרף מיך אַליין? און מיין ליד? און מיין שטילן שגעון?
סיידן אפשר דער שניי פון מיין היים,
סיידן אפשר דער ווינט פון מיין שטאָט,
סיידן אפשר דער הונגער, וואָס יאָמערט דאָרט איצט,
און וואָס כ׳קען זיין געגנאָד.

1929

דער זינגער

שווינדלט אַ שטויב און אַ וועג און אַ באַן,
און אַלע דערציילן, אַז דו ביסט פאַראַן, ביסט פאַראַן.

נאָר ס׳קומט אַ זינגער אין הויף, וואו איך וווין, (זינגט אַן אַלטן סאָנעט)
כאַפּ איך זיך אויף: איך זיץ דאָך ביי זיך אויפן בעט.

און איך זע: עס איז זון, און דער הימל איז בלאָ,
נאָר קיין וועג איז נישטאָ, איז נישטאָ, איז נישטאָ.

זינגט דער זינגער אַ ליד: ווי אַ ייִנגל האָט ליב, ווי אַ מיידל האָט ליב,
נויג איך אים מיטן קאָפּ: עס איז אמת דיין ליד, ווי גאָלד איז דיין ליד,

און איך זאָג: נעם מיך מיט אין דיין גאַנג,
ווערל איך קומען אַהין, וווּ עס וויל מיין פאַרלאַנג.

זאָגט דער זינגער צו מיר: ביסט אַ קינד, ביסט אַ נאַר,
זעסט דעם פויגל, וואָס פליט?
איך באַדאַרף נאָר זיין פלי, און דיין צער פאַר מיין ליד.

און איך זע: עס איז זון, און דער הימל איז בלאָ,
נאָר קיין וועג איז נישטאָ, איז נישטאָ, איז נישטאָ.

1929

נישט אַזוי, נישט אַזוי וויל מיין בלוט

נישט אַזוי, נישט אַזוי וויל מיין בלוט,
נישט אַזוי איז די שורה פון ליד.

עס איז אפשר אַזוי ווי פאַרטאָג: אַ שויב הויבט אָן גרינען,
גייט אַ ליכטיקייט אויף אין מיין זינען.
דערזע איך—אַ שטוב לעם אַ פעלד, אַ שטיק פאַרוואָלקנטער הימל,
אַ פענסטער איז אָפן. עס שמעקט מיט ברויט און מיט קימל,
און אַ קול שטראָפט מיך הויך, אַזוי הויך:
— גיי ערגעץ שוין היינט נישט אַוועק, ס'איז שוין שפעט,
גיי אין שטוב, און שטעל זיך ביים מולטער און קנעט.

זענען הענט מיינע יונג, זענען העגט מיינע הייס, זענען העגט מיינע גרינג,
גייען אין מולטער אַ הייסן, פאַרכלינעטן רינג,

און פאַר די אויגן דער ווייסער שאָסיי גייט אַרויף אָן אַ סוף,
אַזש ביז מאָסקווע אַרויף און אַרויף.

נישט אַזוי, נישט אַזוי וויל מיין בלוט,
נישט אַזוי איז די שורה פון ליד.

עס איז אפשר אַזוי, ווי אינמיטן גערויש פון דעם טאָג
גיט אין פחד אַ פינטל מיין אויג,
און כ'דערזע דאָרט דעם טויט —
אַ פנים, וואָס וויגט זיך אַהין און אַהער,
אויף אַ דינינקן האַלדז, ווי אַ שטרוי.

נישט אַזוי, נישט אַזוי וויל מיין בלוט,
נישט אַזוי איז די שורה פון ליד.

עס איז אפשר אַזוי ווי אינמיטן דער נאַכט,
ווען שטילקייט מוז זיין, און ווען שטילקייט איז דאָ,
קלינגט מיין מוח אַזוי זילבערדיק דין, אַזוי דין:
וווּהין? וווּהין? וווּהין?
פונקט ווי איך וואָלט אין וועג ווו געוועזן געזוכט זיך אַ גאַנג,
נאָר איך זיץ דאָך ביי זיך אויפן בעט מיטן קאָפּ אויפן
אייזערנעם ראַנד.

1929

עלעגיעס

האַרבסט

אַמאָל זענען געווען די פֿרילינגס,
און איצט זענען די האַרבסטן — לאַנג.
מיין האַרץ, וואָס איז שוין גלייכגילטיק צו צער און אומרעכט,
טוט אַליין אַן ערב־ווינטערדיקער רעגן באַנג.

און טונקלקייט, וואָס פֿאַלט מיט דראָונג אויף פֿאַרנאַכטן,
איז אומעטיק ווי מנחה־מורמלען פֿון אַן אַלטן מאַן,
און צווייגן שוין אַראָפּגעפֿליידיקטע
אויף מערנישט בליען שוין און מערנישט וואַקסן,
ווי ערשטע קנייטשן אויפֿן פּנים טוען באַנג.

אַמאָל זענען געווען די פֿרילינגס,
און איצט זענען די האַרבסטן — לאַנג,
און שיטן אָפּ מיט זשאַווערדיקע בלעטער
דעם וועג, מיין אומהיימלעכן גאַנג.

1928

כ׳בין אויף דער וועלט געקומען

כ׳בין אויף דער וועלט געקומען ליב האָבן און בעטן,
איז אַזאַ וועלט,
איז אַזאַ צייט,
אַז הינטער פענסטער אָפּענע
פון פיינע לייט
שלאָגט מען זעכצניאָריקע מיט אייזערנע באַגנעטן —
בין איך צו שפּאַס
מיט ליב האָבן און בעטן.
און לאַנג נאָך אפשר,
נאָך לענגער ווי ס׳קאָן אויפנעמען מיין זינען,
ט׳מען אומעטום
באַגלייך מיט הייזער שוין,
ט׳מען בויען גילאָטינען.
קער איך אום מיין פּנים צו דער ערד, דער זויגערין,
וואָס נערט און קוועלט,
און אַ קאַץ אַ מאָגערע און יאָמערדיקע
טראָג צו זיך אין בעט דערוואַרעמען
אין גליווערדיקער ווינטערדיקער קעלט.

צו א.

ביסט איצטער זייער קלוג,
און אָנגעטון ביסטו גרויסשטעטיש און סאָליד,
ס׳איזביידע זאַכן שווער צו מוחל זיין,
פון ביידע ווער איך אומעטיק און מיד.
און איך גיי אַלץ אַרום נאָך אָפּגעריסן.
וואָס טויג אָבער? — ס׳איז שוין אַביסל שפּעט,
און ווי אַן אַלט-געוואָרענע ציגיינערקע,
עס קליידט שוין מער נישט, נישט דער באָרוועס, נישט די צעפּ.
אַמאָל די קליידלעך אונזערע (קרעטאָנענע), ווי ווייסע פּאַנען,
מיט פרייד און פרידן האָבן זיך געוויט,
און ווען מען ט׳מען נישט ליב געהאַט,
און ווען נישט געוואָלט דערקאָנען,
אַז אַלץ איז זיס געווען ווי וואַסער און ווי ברויט.
דער זאַמד, וווּ קאָן זיין ווייכער אויף זיך אויסציען און שרייען,
אַזוי גלאַט אַ געשריי פון אַכצן יאָר,
אויף ערד, וווּ דען זשע צופאַלן און וויינען,
און ווישן זיך די אויגן מיט די האָר?
ווי לייכט זענען געווען אונזערע טרערן,
אַזוינע פריידיקע, ווי אומגעריכטע געסט,
און באַלד זיך טריקענען, און באַלד נישט ווערן,
אַזוי זענען געווען אונזערע טרערן.
היינט בויג איך זיך מיט שווערן קאָפּ צו יענער זומערדיקער וועלט,
און ווייל מיין הארץ איז שווער,

ווי שוועך עס ווערט אַ זינקענדיקע שיף,
און וויל אַלץ מער אַראָפּוואַרפן פון זיך —
וויל איך די יוגנט־פריינד מיינע נישט טרעפן,
און אויף דער שאַרפקייט פון זייער איינגעהאַלטענעם בליק,
און אויף דער שטיל־פאַרשוויגנקייט פון מויל,
נישט זען, נישט אָפּפילן דעם גרויל.

1928

ביים שפּיגל

I

אָט שטיי איך ביים שפּיגל און האַלט אַלץ אין בעטן,
די האָר מיינע לאָז נאָך מיר איבער,
און זאָל נאָך זיי עמעצער גלעטן.
און ס׳געשעט ביי מיין שפּיגל אַ נס,
אָט שטיי איך, ווי אַ ווייסינקע צווייגעלע בעז,
כ׳דערקען מיינע קינדערשע שיך
און די ווייסקייט פון קלייד,
נאָר כ׳דערקען נישט מיין קינדערשע פרייד.

II

גאָט,
כ׳האָב קאַרשן אין קינדערשער לוסט געגנבעט פון שכנישן סאָד,
און געוויינט מיטן פּנים אין היי,
דערנאָך אַ טאָג דריי אָדער צוויי.
ווי קאָן דאָס געשען, אַז ביי דיר, אין דיין זוניקן רייך,
זאָל מען ווערן אַזוי־אָ ווי איצט, אַזוי העפלעך און טרייך.

און מיט באָרוועסע פיס
איז געווען אַזוי גוט, אַזוי זיס,
שוואָמען צו קלייבן אין וואַלד, אָדער נאָדלען פון כוואָיע,
ווי אַ קליינינקע גויע,

און הערן, ווי ס׳רעדט אין טשעראַט
אַ זשאַבע מיט גאָט.
זיך לייגן און שווייגן,
און ציילן אויף קינדערשע פינגער די צווייגן.

איך קאָן דאָך גאָר איצט נישט דערקאָנען
אין שפיגל מיין אייגענעם פנים,
ס׳זענען נישט מיינע אויגן,
וואָס האָבן די גרינקייט פון זומער געזויגן,
ווען איך בין דורך גערטנער צום טייכל געלאָפן זיך באָדן,
און געקריגן מיט ריטער פאַר טרעטן די בייטן און שאָדן.
ווי קאָן דאָס געשען, אַז ביי דיר אין דיין זוניקן רייף,
זאָל מען ווערן אַזוי-אָ ווי איצט, אַזוי העפלעך און טרייף!

אַ בריוו

ווייס און זינגענדיק, ווי אַ פויגל, גייט אַ בריוו.
גיט מיט שאַרפן קאַנט
אַ ברי די הויט פון האַנט.
ווערן מיינע ליפּן טרוקן,
און דער אָטעם איינגעשלונגען שטיל,
גיט אַ בריוו אַ וואַקל זיך, אַ פלי
פון די אויסגעשפּרייטע פינגער אויף מיין קני,
און די שורות גיבן זיך אַ הויב
און צעשיטן זיך איבער די ברעמען,
ווי אַ גאָלדענער שטויב.
נאָר היינט האָב איך געהאַט אַ בריוו אַזאַ:
אַ קיל געטון אין פּנים, ווי אַ ווינט,
און די ליפּן מיינע אויסגעקרימט.
איז אַן אַקסל מיטן בריוו אַראָפּגעפאַלן שווער,
און אין האַלדז האָט אויפגעקנוילט זיך
גרויס און ביינערדיק אַ טרער.

28

איז מײַן שטוב דען אַ שיף

איז מײַן שטוב דען אַ שיף,
וואָס עס וויגט מיך אַזוי אין מײַן בעט,
פּונקט ווי ס׳גאַנצענע הויז
וואָלט אויף כוואַליעס געשטאַנען געבעט.

און כאָטש קיינער אין שטוב איז נישטאָ,
איז מײַן שטוב אַזוי פֿול מיט גערויש,
און כאָטש טירן און פֿענסטער פֿאַרמאַכט,
איז עס אָפֿן דורכויס און דורכויס.

און איך כאָטש אין העמד און אין קלייד,
בין איך נאַקעט איינגאַנצן און גאָר,
און מײַן האַרץ איז בײַ גאָט,
נאָר אַן אימה צעוויגט מײַנע האָר.

1929

אַ ליד פון נאַכט

מיט אָפענע אויגן באַגעגנט מען פרייד,
מיט פאַרמאַכטע קומט מען איבער אַ שעה פון שגעון,
אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַרן באַגינען דעם בלויען,
וואָס עפנט די אויגן מיט שיין,
און די טרייסט איז אַ מאָדנע אַזאַ: עס מוז אַזוי זיין.

מיין גוף קאָן גרינג זיין, ווי אַן אויסגעשריי פון פרייד,
און שווער ווי טרערן אין איינגעקלעמטן וואָיען,
איך דאַנק דיר, גאָט, פאַרן באַגינען דעם בלויען,
וואָס ברענגט מיר דערמאָנונג פון זון און פון ליכט
און מונטערט מיין ווילן צו אויפשטיין און פליכט.

מיין גוף, וואָס איז אַ וואַרטנדיקע נעסט פאַר פרייד,
איז איצט דורשטיק צו שלאָף און צו רו, און צו טויט,
ווי צו רעגן און טויען.
איך דאַנק דיר, גאָט, פאַרן באַגינען דעם בלויען,
וואָס זיין טרייסט איז אַ מאָדנע אַזאַ, און איך ווייס נישט אליין,
פאַרוואָס איז דאָס טרייסט: אַז דער טאָג מוז פאַרגיין,
און איך מוז פאַרגיין.

1929

ווינטער

אין מיין היים איז שוין אַ טיפער שניי.
בײַ אַן אייגעפּראָרענעם וואַסער וואָיעט אַ וואָלף אין
ווינטערדיקן הונגער.
ווי אַ וואָלקן איבער ווייסע פעלדער ציט זיך זיין געשריי.
מיט גרויסע ביימער-שפּיצן רופט דאָס דאָרף — ס׳איז
ציגן-פלייש און וואַרעם בלוט אין מויל.

און נאָך: ס׳איז טויט-שרעק.
ס׳איז זיס און גרויל.

וואָיעט דער וואָלף. דער הונגער האָט אים שלאַנק געמאַכט די פיס,
האָט אים הויך געמאַכט דעם האַלדז,
האָט אים שאַרף געמאַכט דעם פּיסק.

גייט דער וואָלף אויף אייגענעם באַראָט, אַליין.
פּאַרטרויט אויף קראַמף פון זיינע נעגל,
פּאַרטרויט אויף שאַרף פון זיינע ציין.

אין מיין היים איז שוין אַ טיפער שניי.
בײַ אַן אייגעפּראָרענעם וואַסער וואָיעט אַ וואָלף אין
ווינטערדיקן הונגער.
ווי אַ וואָלקן איבער ווייסע פעלדער ציט זיך זיין געשריי.

1931

אויף היימישן פעלד

אָהאָ–האָ, ווי עס גלוסט זיך אַמאָל
נאָך זיין אויפן היימישן פעלד,

ווו דער ווינט שרייט מיט קרובהשן קול
און מיט זאַמדיקע וויכערעס שנעלט.

גיט אַ דריי זיך דאָס קלייד אין אַ ראָד,
בלייבן נאַקעטע, מיידלשע פיס,

און די האָר שטייען אויף מיטאַמאָל
און גיבן מיט ווינט זיך אַ ריס.

איז מיין קערפּער נישט מער ווי אַ צווייג
און בוקט זיך און בייגט זיך צו ד׳ערערד,

און איך שריי אָן אַ וואָרט, אָן אַ שפּראַך
ווי אַ שטאָרך אויף אַ היימישן דאַך.

1929

צו דעם, וואָס איז געריכט

האָט איר אַמאָל געטראַכט,
ווי ס'טראַכט אַ מענטש אַליין מיט זיך,
אויב ס'איז אים אַ שעה אַ לויטערע באַשערט,
אַז ס'איז געמיין אַמאָל צו זיין גערעכט? —
און אויפשטיין אינדערפרי אַזייגער אַכט,
און לופטערן די שטובן פון דער נאַכט,
דערנאָך האָמערן לייענען, אָדער אַליין זיין אַ פּאָעט,
דערנאָך איז אומפאַרמיידלעך מיטאָג און קאָטלעט,
און געסט, און טיי...
און גראַדע אין אַ טאָג, ווען ביי איינעם שטרויכלען זיך די קני,
דאָס נישט דערזען און בלייבן ווי נישט הי.

איך זאָג: איר זענט גערעכט,
עס טוען אַזוי אַלע לייט,
אַזוי איז דאָס געזעץ,
נאָר איך — מיין האַרץ איז אַ פּאָדליעץ —
און ווי ביימער גלייך-געשווירענע אין פּאַרק,
האָב איך פיינט די אַלע,
וואָס זענען שטאַרק
מיט דער גערעכטיקייט
און מיט געזעץ.
איך האָב זיי פיינט ווי גאַל, ווי סם,
ווי אַ געלונגענעם און גלאַטן גראַם.

האָט איר אַמאָל געטראַכט,
ווי ס'טראַכט אַ מענטש אַליין מיט זיך,
אויב ס'איז אים אַ שעה אַ לויטערע באַשערט,
אַז ס'איז געמיין צו זיין גערעכט?

1930

איך האָב קיין אייניציקע נאָך נישט קיין גרויע האָר

איך האָב קיין אייניציקע נאָך נישט קיין גרויע האָר,
נאָר שוין בין איך ווי יעדערער געבויג געמיין,
וויגן זיך די אַקסלען מיינע, ווי פון ווינט געשלאָגן,
ווען כ׳זיץ סתם אַזוי בייטאָג און וויין.

עס זעבען נאָך די פיס מיינע, ווי פעסטע שטאַמען,
און די הענט, ווי בויגעוודיקע צווייגן,
טאָ פאַרוואָס ווילן אָפט אַזוי אַראָפּזינקען די ברעמען,
און די ליפּן ווילן מער און מער אַלץ שווייגן?

און שווער איז גלויבן, אַז איך בין שוין נאָך די דרייסיק, —
פון אונזער דור דער סאַמע, סאַמע מיטן,
אַז ס׳וועלן יינגערע, ווי מחנות שוועלבעלעך, אַ הויב טאָן זיך,
מיך מיידן,
ווי איך די זיידעס האָב געמיטן.

1928

לאַבירינט

ערשטער, צווייטער, דריטער שטאָק,
גיי איך טאָג, נאָך טאָג.

און דער, מיין גאַנג, אַזוי געניי און קלאָר
איז אַ לאַבירינט, וואָס גרוילט מיר מיינע האָר.

און די, וואָס כ׳עס מיט זיי פון זעלבן לעבל ברויט,
אַנטלויפט פון זיי מיין בלוט, און ס׳ווייכט פון זיי מיין הויט.

און מיינע פיס, וואָס גייען שטיל און גרינג,
ווילן לויפן, שניידן קעגן ווינט,

ווילן לויפן פון געניטעם וואָר,
פון דעם לאַבירינט, וואָס גרוילט מיר מיינע האָר.

1928

י אַ נ ו אַ ר

ס׳איז יאַנואַר.
(העט ווייט הינטער די שנייען חלומט זיך מיר פייגל-מילך
און רויטער מאָן)

און כ׳גיי אין פּאָר
מיט דער לבנה,
מיט דער נאַכט,
און מיטן שניי,
וואָס מאַכט מיר ווייס מיין טראַכטן.
אויף דינעם שטענגל
גייט אויף דער רויך פון מיין ציגאַר,
בלייבט הענגען פאַר מיין אויג,
ווי אַ פאַרזאַמטער פויגל.
ס׳איז יאַנואַר.
מיין גרינער בערעט העלט, ווי פרישע בלעטער.
כ׳געדענק:
ס׳איז שפּעט אין ווינטער,
און ס׳איז שפּעט אין נאַכט,
און פון די פיס מיינע די שאָטנס אויפן שניי,
ווי שווערע וויזערס שלעפּן זיך,
און צייכענען: ס׳איז שפּעטער נאָך,
נאָך שפּעטער.
ס׳איז יאַנואַר.
(העט ווייט הינטער די שנייען חלומט זיך מיר פייגל-מילך
און רויטער מאָן).

1932

לערמאַנטאָוום אַ ליד

אין אַ וווייטן לאַנד,
אין יאָרן שפּעטיקע, שוין מידע
אַ גאַסן-זינגער האָט געבראַכט זיין ליד.
און זיינע יוגנטלעכע רייד פון האַס און ליבע
צעפלאָנטערט און מיט פרעמדער שפּראַך פאַרקרימט.
נאָר איך האָב זיי דערקענט,
ווי מען דערקענט אַ ליבן פּנים, אויסגעקנייטשט פון יאָרן,
און טרערן זענען מיר געקומען הייס און גרינג.
און איצט, אין אונזער דור,
וואָס בענקט נישט מער נאָך גאָט און ליבע,
האָב איך געצאַנט, אַז ווידער כ׳בין אַ קינד.

1928

האַלאָ, מיין האַרץ!

האַלאָ, מיין האַרץ!
גענוג געדרייט די קאַטאַרינקע!
עס פאַלן מיינע לידער טויב און שווער,
ווי זילבער-שטיק פון איינעם פון יענע לייט,
וואָס ווייגענדיק אין הויפן רויטן גאָלד,
האָט מען פאַרקויפט דעם גאָט,
אָדער אַ פריינט.
האַלאָ, מיין האַרץ!
פאַר וועלכן טייוול האָסטו מיך פאַרקויפט,
וואָס פון שטוב מיינער איז אַנטלאָפן שוין די לעצטע מויז?
אַזוי איז אימהדיק ביי מיר:
אָן גאָט,
אָן ברויט.
נאָר ס'לעשט זיך נאָך אין מיר אַ לעצטע בענקעניש,
ווי אין אַ יולי-נאַכט אַ לעצטער שטערן,
וואָס וויל פון הימל נישט אַראָפּ,
ביז גרויסן טאָגן.
באָטש ס'זענען מיינע אויגן זאַט פון ביטערניש,
און יעדער טראָט,
געשריי,
און בליק,
אַפילו דער צאַרטער בינען-ווינט, וואָס פאַר מיין פענסטער פליט,
וואַרפט אין מיין שויב

די מעשה פון דעם וואָלף און ציג,
אָט יענע מעשה פון דעם וואָלף און ציג.
האַלאָ, מיין האַרץ,
עס כריפּעט די קאַטאַרינקע!

1932

אין גרינעם בוים
ליגט גרויער אש

אין גרינעם בוים ליגט גרויער אַש,
און שמייכלענדיקע ליפּן קענען אָנהויבן צו האַסן,
איז גוט צו עטעמען אין גרינעם בוים,
און גוט מיט שמייכלענדיקע ליפּן שפּאַסן.

און כאָטש איך ווייס, איך ווייס, איך ווייס, און איך געדענק,
וואָס ס׳קען פון ווייסע בייגעוודיקע פינגער ווערן,
איז גוט צו פילן דעם אָנריר פון אַ האַנט
אויף הייסקייט פון מיין שטערן.

און וואָס איז גאָלדענע רייד?
(אַז ס׳קען אַפילו רויט שאַרעיענדיקער זשאַר פאַרלאָשן ווערן)
איז גוט צו שטיין, מיטן פּנים צו דעם פלאַם
און גאָלדענע רייד צו הערן.

*

וועו דו וועסט דורכגיין מיט אַ פּרוי
וועל איך צומאַכן די אויגן.
און איך וועל טראַכטן אַט אַזוי:
ס'איז גרינער גראָז פאַראַן,
און זון,
און רעגנבויגן.
און נאָך וועל איך טראַכטן מיט צוגעמאַכטע אויגן:
עס רייסט דער ווינט אַוועק די ווייסע בליטן פון אַן עפּלבוים,
און דער זומער טראָגט אַוועק די גרינקייט פון אַ וואַלד,
און ס'גייט אַ וואָלקן אין הויכן רוים,
פאַרדעקט די גאָלדענאָ זון.
זאָל זיין איך בין דער עפּלבוים,
זאָל זיין איך בין דער וואַלד,
זאָל זיין איך בין די זון.
זאָל זיין... זאָל זיין... אויב ס'קאָן נישט אַנדערש קומען,
אויב ס'קאָן נישט אַנדערש זיין.

פאָרסט אַוועק — דערקען איך נישט קיין גאַס,
און אויב כ׳דערקען זיי יאָ — זענען זיי מיר פרעמד.
די ערשטע שורה קאָן מען גראַמען מיט מאָנפּאַרנאַס,
די צווייטע — מיט אַ העמד,
נאָר כ׳וויל קיין גראַמען ניט,
עס איז מיר אומעטיק, וואָס דו האָסט מיך נישט ליב.
פּונקט ווי די ליכטיקייט וואָלט היינט אויף לאַנג,
אויף לאַנג פאַרגאַנגען.
פּונקט ווי אַ פּעלד וואָלט אויפגעהערט צו רוישן מיט די זאַנגען.
נאָר כ׳וויל קיין פאַרגלייכן ניט,
עס איז מיר אומעטיק, וואָס דו האָסט מיך נישט ליב.

* *
*

איך שרייב דיר נישט קיין ליבע-בריוו,
נאָר אין דער טיף
וויינט מיין האַרץ צו דיר.
וויינט מיין האַרץ צו דיר אַצינד,
ווי ס׳פּלעגט זיך בעטן צו דער מאַמען,
ווען כ׳בין געווען אַ קינד.
אונטער דער מאַמעס אויג
בין איך געוואָקסן הייס, און ברויז, און שטאַרק,
איצט זענען קרעלן דיינע,
ווי אַ שניט אַ רויטער אויף מיין קאַרק.
אונטער דער מאַמעס זון
בין איך אַ בוימל מאַלינעס געווען,
רויט אָנגעגאָסן מיט שטראַלנדיקער פרייד,
איצט בין איך אַ ווינטערדיקער בוים,
צו בייזע ווינטן גרייט.
איך שרייב דיר נישט קיין ליבע-בריוו,
נאָר אין דער טיף
וויינט מיין האַרץ צו דיר.

פון אַלע ווינטערן,
וואָס איז דען פאַרבליבן מער,
ווי עטלעכע פאַרשנייטע װענט אין לויטערקייט פון ווינטערדיקע טעג,
און פון מיין האַרץ אַן אויסגעוואַרעמטער און ליבער וועג?
און וואָס איז דען פאַרבליבן מער
פון אַלע זומערן,
אַ וואַרעמקייט פון ווינט, אַ ווייסע קלייד
און פון מיין האַרצן אויסגעוואַרעמט עטלעכענע רייד?

*

*

בײ אַ הינקלדיקן טישל אונזער ראַנדעוו,
איך די ערשטע בין געקומען,
און נישט דו,
(יאָ צי ניט,
אַזוי קומט אין אַ ליד).
האָט דאָס טישל זיך אַ וויג געטון,
דיך באַגעגענען, אַוועק אין ליכטיקן גאַלאָפּ,
און איבער מיר האָבן זיך בײטשלעך גאָלדענע צעפּאָכט,
ביז אין בלויען רויך ביסט שטײן געבליבן נעבן מיר.
האָט דער גאַלאָפּ אַ זעץ געטון זיך אויף אַלע פיר,
און מיט טלאָעז זילבערנע אָפּגעטופּעט אין מײן בלוט:
טופּ-טופּ,
טופּ-טופּ.
גוט, וואָס ביסט געקומען,
גוט.
(יאָ צי ניט,
אַזוי קומט אין אַ ליד).

*

* *

צווישן מיר מיט דיר איז מער נישטאָ קיין רייד,
און שטילקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט
און פאַרטאַיעט זיך אונטער די טריט פֿון פֿיס.
כ׳וואָלט עפּעס זאָגן נאָך געוואָלט פאַר איידלקייט,
און האָב נישט וואָס.
הויב איך אויף מיין פּנים,
עס איז מיין שמייכל, ווי אַ דינע אָנגעצונדענע ליכט,
און כ׳ווייס נישט, וועמען וויל איך צולויכטן
אין פינסטערער פאַרשוויגנקייט,
זיך אַליין,
צו דיר.

אויף אונזער טיש איז עפּל דאָ און ברויט,
און אַלץ וואָס זומערדיקע שפּע ט׳פאַר אונז צוגעגרייט,
נאָר ווי די בלעטער, וואָס האָבן אָפּגעדאַרט,
ווערן אונזערע רייד.

בינד מיר אויף הינטן די הענט,
ווייל זיי ציען זיך ווייס און פאַרבלענדט
יעדן יאָר צו אַן אַנדערנס האַלז.
איך דערקען נישט, בין איך עס, צי נישט,
פאַר מיין אייגענער האַרץ,
ווי פאַר אַ געץ,
טאַנץ איך אַ מאַלפּישן טאַנץ איבער דר׳ערד
מיט ווייטיק פון מענטשלעכע טריט.
און מיין מוח ביז רויט איז צעברענט.
נאָר מיין מוח געדענקט,
און טייט מיט צוויי דינינקע ווייזערס
צו מיר אין די שוואַרצלען פון אויג.
נאָר ס׳פאַרמאַכן די אויגן זיך סיידוי
און פון זיך אַליין,
כ׳בין געפירט פאַר די הענט
אונטער פויקן פון אייגענעם האַרץ
וואָס פאַרגייט אין מיין לייב
מיט אַ שטילן געוויין.

* * *

ווער האָט פאַרטראַכט אַ סוף צו אַ טאָג,
ווען איך וויל נישט די זון זאָל אַראָפּ?

און ווער האָט פאַרטראַכט און געשיקט אַזאַ שעה,
און אַ וואָלקן פאַרגייט ווען דער הימל איז בלאָ?

און אַ קול, וואָס איך וויל אים נאָך הערן און הערן און הערן,
ווער האָט די שטילקייט געשיקט ווי אַ תהום, מיין ווילן צעשטערן?

י ר מ י ה ו

א.

ווען זאָס האַרץ מיט אַ שווערקייט ווערט פול,
אַז ס'קאָנען די פיס מער דעם גוף נישט פאַרטראָגן,
און ס'ווילט זיך מיר פאַלן אויף פיר
און זיך הינטיש צעוואָיען,
ווי אַ חיה נישט וויסן פאַרוואָס
און פאַר וועמען —
איז דעמאָלט, ווי מילך אויף די ליפן,
קומען עטלעכע נעמען:
דער ערשטער איז זיס — ירמיהו.
זיין גוף ווי אַ בוים אַ פאַרברענטער פון דונער,
איז שוואַרץ און פאַרוואָגלט,
מיט ליפן, וואָס האָבן קיין זון נישט געטרונקען,
נאָר ביטערן וואַסער.
זיינע הענט — לענג אויס מיטן ווינט זיך צעעפנט,
אויף אייביקן פרעגן,
ווי צווייגן, וואָס דאַרפן צעבליִען
און וואַרטן אויף רעגן.

ב.

עס שרעקט, ירמיהו, דיין קאָפּ ווי אַ וואָלקן,
דיינע הענט איבער אים,
ווי צוויי ווייסע לבנות.
אויפן נאַקן דער יאָך האָט געגראָבן אַ ליג-אָרט,
אַזוי טיף ווי אַ מולטער,
און דער ווײַ ביזן האַרצן.
דיינע פיס, ווי די פיס פון אַ קעמל,
וואָס האָפט נישט צו וואַרפן די משא
און גרויס איז דער מדבר,
און ווייט איז דאָס וואַסער —
אַזוי דיינע פיס, ירמיהו.
און געגרייטע פאַר דיר
דאָס אַש
מיטן זאַק,
און דער גוף, ווי אַ בוים
וואָס וואַרט אויפן האַק.

ב.

ביינאַכט פאַרמאַכט זענען די טירן,
נאָר די הערצער אָפענע זענען פאַר בשורות גרייט.
טראָגט אויף ליפּן ביטערע דער נביא
דעם טאָג פון טויט.
שלאָפט דער קייסער אויף אַ ווייסע העלפאַנט-ביינערנער בעט,
איז די לבנה, ווי אַ זילבערנער פעכער איבער דער שטאָט,
שטעלט זיך ירמיהו ביי דעם קייסערס טיר
ווערט זי, ווי אַ ווייסער, טויטער קאָפּ.
וועקט דער קייסער זיך און ס׳ווערן ביי אים שאַרף און בלאַנק די ציין,
שטייט ירמיהו אײַנגעוואָקסן ביי זיין בעט.
וויל דער קייסער נעמען אין האַנט די שפּיז,
זעט ער — זיין האַנט איז טויט.

ד.

איבער מערק ירמיהו רעדט מיט זיין מרה-שחורה.
טאַנצט דער מאַרק אין זיין רונדקייט,
אין אַ פריילעכער מהומה.
זענען הייזער צעשראָקן, ווי רינדער פאַר שחיטה,
און מיילער ווי היילן,
און צינגער, ווי גלעקער פון טומאה.
צימבלען פריילעך מטבעות
אויף סוחרישע הענט,
נאָר עס ליגט מרה שחורה,
ווי בלויע סיניאַקעס,
אונטער בעטלערשער העמד.
קאָכן ווייבער דאָס פעטס פון די רינדער
אין טעפּ אויפן פריילעכן פייער,
נאָר אַ פינצטערקייט הענגט איבער טירן
און אין שפּאַלטן פון הייזער.
איבער מערק ירמיהו רעדט מיט זיין מרה-שחורה,
שטיקן זיך ווערטער אין שטומקייט,
ווי מען שרייט אין אַ חלום.
ווי שכורע מיילער צעקרימט זענען טירן פון הויפּט-שטאָט —
בן־עזור זאָגט נבואה:
אָ פרידן אייך, פרידן,
די זון קומט און גאולה.

ה.

שעלט ירמיהו זיין טאָג אַט אַזוי:
חנינה בן־עזור אין קלייד פון ווייסן זייד.
אַז ווייסקייט איז אַלץ איינס, ווער ס'טוט עס אָן,
און זייד איז גלאַטער אויף אַ פעטן לייב.
און טרייסט איז זיסער,
און ביטער איז געשריי פון פיין,
נאָר ס'ענטפערט דערווידערקול אויף אַלע ווערטער גלייך.
חנינה בן־עזור אין קלייד פון ווייסן זייד.
און ס'וואַרטן גריבער אויף העלקייט פון מיין לייב,
און ס'וואַרט געפענגעניש אויף אומרו פון מיין האַרץ,
און ס'האָט אַ שטאָט אַ לייב פאַרטריבן,
און געבליבן איז ביי הינט.
ענתות — איז מיין שטאָט.
און אַלע טירן זענען ענג פאַר מיר פאַרקריצט,
און אַלע גרענעצן ווי זעגן זיך פאַרשאַרפט,
מיט ציינער אָנגעשפּיצט זיך צו מיין קאָפּ.
חנינה בן־עזור אין קלייד פון ווייסן זייד.

קאָמונאַרן - וואַנט

נישט ווייט פון די בולוואַרן,
ווו ס׳בליצט ביינאַכט די ליכטיקייט מיט רויט און בלאָ,
און פונקט ווי ברויט אויף פונטן, פאַרקויפט מען ווייבער אויפן שעה,
נישט ווייט פון די בולוואַרן
שטייט די וואַנט פון די פּאַריזער קאָמונאַרן.
געבלייכט פון רעגן זענען די ציגל אַלט,
און אפשר האָט מען זיי געבערשטלט און געוואַשן
כדי דאָס בלוט צו פאַרבאַהאַלטן.
מיט קליינע קוילן לעכעלעך צעהאָגלט
וועדליק אויף דער וווקס פון מענטשן
און העכער נאָך
ביז צו אַ וווקס אַזאַ,
ווען מ׳הויבט זיך אויף מיט הענט און האַלדז
צו דראָען, און צו שפּאָטן און צו שעלטן.
איינער האָט דאָס העמד צעשפּיליעט
און מיטן פּנים אָפן פאַר דער געפאַר
האָט ער געשריען:
מיינע בלוטיקע גערוסן וועלן קומען, קומען, קומען,
די גערוסן
פון דעם ערשטן קאָמונאַר.
דער ייִנגסטער האָט די וווּנד איןביידע הענט פאַרדריקט,
ווי אַ בעכערל אַ קליינס,

וואָס איז גליאיק
און בריט.
געבליכט פון רעגן זענען די ציגל אַלט,
און אפשר האָט מען זיי געבערשטלט און געוואַשן
נאָר ס'זענען דאָך פאַראַן אויף זיי געשטאַלטן.
אַ פנים פון אַ פרוי
(נאָך זייער יונג)
די ליפּן אויסגעשטרעקט, ווי צו אַ טרונק,
ווי ס'וואָלט אַ דאָרשט געפּייניקט
פון אַ קרענק צי פון אַ ווײ,
אָדער אפשר פון אַ זינגען אָט אַזאַ
וואָס איז קיין ליד נישט,
נאָר דאָס געזאַנג פון אייגענעם געשריי.
געבליכט פון רעגן זענען די ציגל אַלט,
און אפשר האָט מען זיי געבערשטלט און געוואַשן,
נאָר ס'זענען נאָך פאַראַן אויף זיי געשטאַלטן.
האָב איך געזאָגט צו זיי:
– שוין זעכציק יאָרן, יאָר נאָך יאָר,
דער טומל אויף בולוואַרן איז געוואָקסן,
(און מאַנכע גייען שוין אין שיכעלעך פון גאָלד)
נאָר איר זענט אויף דער וואַנט געבליבן בלייך און גראָ.
האָבן מיילער פון געשטאַלטן זיך צעלאַכט,
אַז ליידיקע זענען געבליבן הענגען מיינע ווערטער.
– ס'איז אויסער אונז דאָך קיינער נישט – נישטאָ.
און דו אַליין וואָס לעבסט – ביסט ערד!

און בייז ביסטו, פאַרקרימט,
ווייל ביסט נישטאָ אין לעבעדיקער וואַנט, מיט אונז!
נישט ווייט פון יענע — אָט בולוואַרן,
ווו ס׳בליצן פייערן מיט רויט און בלאָ
און פונקט ווי ברויט אויף פונטן, פאַרקויפט מען ווייבער אויפן שעה,
נישט ווייט פון די בולוואַרן,
שטייט די וואַנט פון די פאַריזער קאָמונאַרן.

צימבל, צימבל, צימבל־באַק

צימבל, צימבל, צימבל־באָק,
ס׳פאָרט אַ שליטן מיט אַ גלאָק,
נאָר נישט איך זיץ דאָרט אין שליטן,
ס׳זיצט דאָרטן אַ גראָבע מויד
(ווי איז צו די גלאָקן),
און איך גיי פאַרביי צופוס
און דער שניי טוט מיר אַ ביס
אין לאָך פון מיינע זאָקן.

צימבל, צימבל, צימבל־באָק,
ס׳פאָרט אַ שליטן מיט אַ גלאָק,
זיצט דאָך דאָרט די גראָבע מויד,
שלילט צו איר חתן,
(ווי איז צו דעם שליטן),
און איך גיי צופוס פאַרביי,
און דער שניי, אָט דער הולטאַי,
הערט נישט אויף צו שיטן.

צימבל, צימבל, צימבל־באָק,
ס׳פאָרט אַ שליטן מיט אַ גלאָק,
זיצט דאָך דאָרט די גראָבע מויד

צוזאַמען מיט איר חתן,
(ווײ איז צו דעם פערדל),
און איך גײ פאַרבײ צופוס,
און זע דעם חתנס לאַנגע נאָז,
צװײ אײלן מיט אַ פּערטל.

צימבל, צימבל, צימבל-באָק,
ס׳פּאָרט אַ שליטן מיט אַ גלאָק,
זיצט דאָך דאָרט די שײנע פּאָר
אין צװײ גראָבע פּוטערס
(ווײ איז צו די טכוירן)!
און איך גײ פאַרבײ צופוס
זע דאָס פּאָרל פּאָרט צום גט
ברוגז, ווי פאַרפרוירן.

צימבל, צימבל, צימבל-באָק,
ס׳פּאָרט אַ שליטן מיט אַ גלאָק,
נאָר נישט איך זיץ דאָרט אין שליטל,
ס׳זיצט דאָרטן אַן אַלטער רב,
(ווײ איז צו דעם זיווג),
און איך גײ פאַרבײ צופוס.
זע, דער רב, ער דרימלט צו,
און פּיפּקעט פון זײן ציביק.

צימבל — צימבל — צימבל-באָק,
ס׳קלינגט שוין נישט דער פײנער גלאָק,
ס׳פּאָרט שוין נישט דער שליטן,

אויסגעשפּאַנט דאָס פערדל,
(וויי און ווינד און ווונדער),
און איך גיי פאַרביי צופוס,
זע די גראָבע מויד אַליין,
די לאַנגע נאָז באַזוונדער.

צימבל, צימבל, צימבל-באָק,
אָט אַ מעשה מיט אַ גלאָק.

אַ ליד צו מיין קליידער-שאַנק

עס הוידען זיך די שאָטנס אויף די ווענט,
און דורכן פענסטער קומט אַ גרויע שיין.
ס'איז נאַכט. איך ליג און טראַכט אַריין
וועגן מיין ברוינער קאַצאַוועיקע.

זאָל איך מאַכן דערפון אַ קלייד,
וועט זי שמאָל זיין און וועט זיין קורץ,
פונדעסטוועגן — — —
אַ קלייד איז פאָרט אַ שטיקל גוטס.

ליג איך אַזוי אין דביקות,
און טראַכט וועגן מיין ברוינער קאַצאַוועיקע.

גיט דערווייל די בעט אַ רוק זיך און אַ פּאָר,
און סקריפּעט ווי אַן אַלטער שונא: נאַר,
אַ קליידל מער, אַ קליידל ווייניקער,
דער עיקר זענען גאָר די האָר.

און די אַלטע קאַץ מיאַוקעט מיט אַ ברייטער קעל:
— איך בייט אייך אַמאָל די לאַטעס אויף דער פעל,
זיי שוין בישט אַזאַ-אָ קאַרגער דרייקאָפּ
און זאָג אַ גוטן טאָג דער ברוינער קאַצאַוועיקע.

ליג איך אַזוי אין דביקות
און טראַכט אַריין וועגן מיין ברוינער קאַצאַוועיקע.

הינטערן וואַנט ביי מיין שכן

הינטערן וואַנט ביי מיין שכן
איז אַ גרילכל פאַרקראָכן.
און אַן אַלטער זאָגט דאָרט אַ תפילה צום כביכל,
בעט ער אויף ברויט און קאַרטאָפל.
און די גריל זומט איר געבעט:
— פּרוכנע אין ברעט.

ענטפערט די שטילקייט: יאָ,
גאָט וועט זיי געבן ברויט און קאַרטאָפל און פּרוכנע
אין אַ ווילקער שעה.

הינטערן וואַנט ביי מיין שכן איז זייער שטיל:
אָן ברויט איז אַנטשוויגן דער אַלטער,
אָן פּרוכנע — די גריל.

שלמינקע דער שמיד

כ'האָב די ווערטער דיינע, שלמינקע שמיד,
אַזוי געהיט, אַזוי געהיט,
פּונקט ווי מיינע הילצערנע ליאַלקעס.

און אַזוי טייער איז געווען מיר יעדעס וואָרט
ווי איצט דער אָנדענק פון דיין ווייסער באָרד,
און ווי דעמאָלט מיינע הילצערנע ליאַלקעס.

אַ שוימיקער איז דיין פּעגאַז געווען, שלמינקע שמיד,
דו פלעגסט אַ פלי טאָן אַזש ביז וואָלאָדעווער יאַריד,
און צוריק נישט מיטן גלייכן וועג.

נאָר אין אַ גרוב פלעגט זיך אַריינדרייען אַ ראָד,
און לעבן וואָגן, לעבעדיקער גאָט,
שטייט אַ ציג.

און דער וואָגן איז פלוצלינג אַזוי שווער
און דער וועג צעלויפט זיך, ווי אַן אָפענע שער
און מען ווייס נישט ווו דער טראַקט.

באַ דיין שוימיקן פּעגאַז, שלמינקע שמיד,
האָט די ציג געדאַוונט, ווי אַ גוטער ייד,
(נישט דאָ געדאַכט).

און פלוצלינג ליגן רודעס געלט,
און ליכטיק ווערט אין פעלד,
נאָר נישט ווי פון גאָטס זון.

זעט מען שוין: מען איז פאַרקראָכן אויף אַן אָרט,
זוכט מען גאָטס וואָרט,
איז דער זכרון, ווי אַ שטיין.

גיט מען פון די נײַנציקער אַ היפּשן זופּ אַזאַ,
ווערט ליכטיק דער זכרון, מען דערמאָנט זיך: שמא,
איז די ציג נעלם ווי אין דר'ערד.

דיין שוימיקער פּעגאַז, שלמינקע שמיד,
אין מיינע טרוקענע פּערזן שטייט געשמידט
אויפן צוימל פון דיין וואָרט.

און כ'האָב צו זיך אַליין פּרעטענזיע —
וואָס דאַרף איך הערן M———סקעס בעקעמעקענע רעצענזיע
אַז כ'האָב דיין גאָלדענעם אוצר פאַר אַ שפּיגל זיך געמאַכט.